**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/7/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט עקאנאמישע אנטוויקלונג גרענטס צו פארשטערקערן ניו יארק'ס סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג אינדוסטריע**

***ניו יארק פאווער אויטאריטעט באשטעטיגט צוגעטיילטע עלעקטריציטעט פאר Edwards, א וועלט'ס פירנדע פירמע אין וואקום און רייניגונג עקוויפמענט פאר די סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע, ארייגברענגענדיג 212 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און שאפנדיג מער פון 340 דזשאבס***

***פירמע'ס אויסברייטונג ברענגט א קריטישע חלק פון דעם סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג פראצעדור צו אָפסטעיט ניו יארק***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק פאווער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA) באורד אָוו טראָסטיס האט באשטעטיגט עקאנאמישע אנטוויקלונג גרענטס פאר Edwards – א בריטיש-באזירטע וועלט'ס פירער אין וואקום און עקוויפמענט פאר די סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע און טייל פון the Atlas Copco Group – ארייגברענגענדיג איבער 212 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען, אלץ די ערשטע שטאפל פון א 319 מיליאן דאלארדיגן פראיעקט אין סך הכל, און שאפנדיג 343 דזשאבס. גאווערנער האקול האט צום ערשט אנאנסירט די פירמע'ס באשלוס צו אויפבויען א נייע איינריכטונג ביי די מערב ניו יארק וויסנשאפט און טעכנאלאגיע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג פארק (Science & Technology Advanced Manufacturing Park, STAMP) אין דזשענעסי קאונטי אין נאוועמבער 2022.

"די אויפשטייג פון אפסטעיט ניו יארק אלץ א גלאבאלע צענטער פאר פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג טרייבט אויף פרעצעדענטלאזע, טראנספארמאטיווע אינוועסטירונגען וועלכע וועלן ברענגען די דזשאבס פון מארגן פאר ניו יארק'ס טאלאנטפולע ארבעטסקראפט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיטן צושטעלן פאר די פירמעס די כלים און שטיצע וואס זיי דארפן צו קענען בליהען, פארשטערקערט ניו יארק איר ירושה פון טעכנאלאגישע ערפינדונג, און זי באפעסטיגט זיך אלץ א פירער אין די סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע."

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט צייטווייליגער פרעזידענט און CEO, דזשאָסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "דאס פארזיכערן וויכטיגע סופליי טשעין שותפים פאר ניו יארק'ס וואקסנדע סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע העלפט פארזיכערן אז פארגעשריטענע טעכנאלאגיעס וועלן אנטוויקלט ווערן דא אין ניו יארק. NYPA היידראָו טרייב קראפט שפילט א קריטישע ראלע ביים צוציהען פירנדע פירמעס צו אונזער סטעיט, און עס העלפט פארזיכערן גרויסארטיגע אינוועסטירונגען בשעת'ן שאפן שיין-באצאלטע דזשאבס."

**עמפּייער סטעיט דעוועלאָפּמענט פּרעזידענט, CEO און קאָמישאנער, האָופּ נייט, האט געזאגט,** "דאס צוציהען סופּליי טשעין שותּפים אין די סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע איז גאר וויכטיג צו קענען בויען א שטערקערע ברייטע סיסטעם אין ניו יארק סטעיט, און עס איז אונז א פארגעניגן צו ארייינגיין אין א שותּפות מיט NYPA און מיט אנדערע סטעיט אגענטורן צו זיכער מאכן אז ניו יארק סטעיט איז די הויפּט לאקאציע פאר די אינדוסטריע און צו פארזיכערן די פילע גוטע דזשאבס וואס זיי וועלן ברענגען."

**דזשאן ר. קאָולמעל, ניו יארק פּאווער אויטאריטעט טשעירמאן, האט געזאגט,** "די עקאנאמישע אנטוויקלונג גרענטס וועלכע זענען באשטעטיגט געווארן ביי די היינטיגע זיצונג וועלן פאראויס שטופּן די ציהלן פון ניו יארק'ס אמביציעזע קלימאט געזעץ און פארשטערקערן די סטעיט'ס שטאנד אלץ גלאבאלע פירער אין סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג. דער ניאגרא פּאַווער פּראיעקט איז פארבינדן צו צענדליגע טויזנטע מערב ניו יארקע דזשאבס, און עס שטופּט ניו יארק'ס אריבערגאנג צו אן עקאנאמיע פון ריינע ענערגיע."

ביי די היינטיגע זיצונג האט די ניו יארק פּאווער אויטאריטעט באורד באשטעטיגט צוגעטיילטע ביליגע הײדראָ-פּאווער עלעקטריציטעט אין די מאס פון 4.9 מעגאַוואַטס (MW) אין ניאגרא פאר Edwards צו שטיצן די פירמע'ס קאנסטרוקציע פון א טרוקענע וואקום פּאָמפּ מעניופעקטשורינג פאבריק ביי די וויסנשאפט און טעכנאלאגיע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג פארק לאקאציע. אין צוגאב האט די NYPA באורד באשטעטיגט 2.1 MW פון 'היי לאָוד פעקטאר' עלעקטריציטעט וואס NYPA וועט צושטעלן פאר Edwards אויפן ענערגיע מארקעט.

ביליגע ניאגארא הײדראָ-קראפט איז דא צו באקומען פאר פירמעס אין די 30-מייל ראדיוס ארום די פּאווער אויטאריטעט׳ס ניאגארא ענערגיע פּראיעקט אדער ביזנעסער אין טשאטאקווא קאונטי. ניאגארא הײדראָ-פּאווער איז פארבינדן צו צענדליגע טויזנטער עקזיסטירנדע דזשאבס אין דעם ראיאן.

Edwards גרייט זיך צו אויפבויען א 240,000 סקווער-פיסיגע קאמפּוס וואס וועט אריינגעמען מעניופעקטשורינג, ווערהאַוז און אדמיניסטראציע ביי די STAMP לאקאציע. טרוקענע וואקום פּאָמפּס זענען א קריטישע חלק פון דעם סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג פּראצעדור, און די פירמע'ס אויסברייטונג וועט דירעקט שטיצן סעמי-קאָנדאָקטער פירמעס וועלכע ברייטן אויס זייערע אפּעראציעס אין די פאראייניגטע שטאטן.

עמפּייער סטעיט דעוועלאָפּמענט (ESD) האט אנגעבאטן ביז אזויפיל ווי 21 מיליאן דאלאר אלעס צוזאמען דורך 'עקסעלסיאָר דזשאבס טעקס קרעדיטס' וועלכע ווערן פארטיילט לויט די רעזולטאטן וואס א פירמע שטעלט אהער, אינוועסטירונג טעקס קרעדיטס און נאך 1 מיליאן דאלאר צו שטיצן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און די טרענירונג פון א פארשידנארטיגע און אריינגעמיגע ארבעטסקראפט אין אויסטויש פאר 600 נייע פוּל-טיים דזשאבס ביי די לאקאציע.

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שוּמער האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנס איז נאך א וויכטיגע טריט פאראויס אין די ריכטונג פון Edwards Vacuum מאכנדיג א גרויסע אינוועסטירונג פון איבער 300 מיליאן דאלאר אין אפּסטעיט ניו יארק, גיבנדיג א שטופּ פאראויס פאר דזשענעסי קאונטי מיט 600 שיין-באצאלטע דזשאבס. אנגעהויבן פון Micron'ס גרויסע אינוועסטירונג אין צענטראל ניו יארק און Wolfspeed'ס נייע פאבריק אין מאַרסי ביז Onsemi וועלכע עפנט זיך בקרוב אין די האָדסאן וואלי און GlobalFoundries בויענדיג א נייע פאבריק אין די הויפּטשטאט ראיאן, און יעצט אויך Edward'ס הילף פאר אונזער סעמי-קאָנדאָקטער סופּליי טשעין ביי מערב ניו יארק'ס STAMP לאקאציע — ברענגט מיין טשיפּס און וויסנשאפט געזעץ (CHIPS and Science Act) רעזולטאטן פאר אפּסטעיט אין גרויסן, און עס מאכט ניו יארק פאר א גלאבאלע צענטער פאר די טשיפּ אינדוסטריע. איך בין שטאלץ געווען צו שטופּן Edwards Vacuum צו נעמען די STAMP פּלאץ אין באטראכט צו אויפשטעלן דארט זייער נייע פלענט,

און איך בין פרייליך אז זיי האבן זיך איינגעהערט און אז די הייַנטיגע אנאנס דורך די גאווערנער וועט אונז ברענגען נאך א טריט נאענטער צו פארווירקליכן די אינוועסטירונג."

**קאנגרעסמאן דזשאָו מארעלי האט געזאגט,** "דאס פארשטערקערן אונזער סעמי-קאָנדאָקטער טשיפ סופליי טשעין דא לאקאל מיינט נישט נאר מער דזשאבס, נאך אויך דאס אויפלעבונג פון אונזער מעניופעקטשורינג אינדוסטריע. איך בין דאנקבאר פאר גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו פארזיכערן א שטאנדהאפטיגע ראיאנישע עקאנאמיע דורכן מאכן געציהלטע אינוועסטירונגען אין לאקאלע ערפינדונגען."

**ניו יארק'ס וואקסנדע סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע**

גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט 45 מיליאן דאלאר פאר GO SEMI – די נייע אפיס וואס איז אנאנסירט געווארן אין די 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע – קומענדיג נישט לאנג נאך Micron's היסטארישע אנאנס אז זיי וועלן אינוועסטירן 100 ביליאן דאלאר צו אויפבויען די וועלט'ס גרעסטע מעניופעקטשורינג פאבריק פון מעמארי טשיפס אין קלעי, א שטאט אין אָנאָנדאַגאַ קאונטי, ניו יארק. די אינוועסטירונג איז געשאצט צו ברענגען ביז אזויפיל ווי 50,000 דזשאבס אין די צענטראל ניו יארק ראיאן, און עס איז ערמעגליכט געווארן דורך דעם פעדעראלן טשיפס און וויסנשאפט געזעץ ( CHIPS and Science Act) און דורך ניו יארק'ס גרינע טשיפּס לעגיסלאציע (Green CHIPS) וואס די גאווערנער האט אונטערגעשריבן אין 2022. די נייע אפיס וועט אנגעפירט ווערן דורך עמפייער סטעיט דעוועלאפּמענט, און די איינגעשטעלטע וועלן זיין עקספערטן פון די סטעיט דעפּארטמענט, די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( Energy Research and Development Authority), די לעיבאר דעפּארטמענט, די טראנספארטאציע דעפּארטמענט, די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation), NY CREATES (ניו יארק שאפט), די ניו יארק פאוער אויטאריטעט (New York Power Authority), די אפיס פון היימער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal) און די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק. GO SEMI וועט אנפירן און צענטראליזירן באמיאונגען צו דורכפירן דעם Micron פראיעקט; אנטוויקלען און פאראויסשטופן פאליסיס צו צוציהען די סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע און די פארבינדענע פראדוקטן; קאארדינירן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און קאמיוניטי אינוועסטירונגען צווישן לאקאלע, סטעיט, פעדעראלע און פריוואטע שותפים; אנפירן באמיאונגען צו שאפן, צוציהען און אנהאלטן די טרענירטע ארבעטסקראפט וואס איז נויטיג; און שטיצן ברייטע אנטוויקלונג קאנצענטרירט אויף קלוגע וואוקס פרינציפּן.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנדס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך די לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף די ריכטיגע רעלסן צו ערגרייכן אירע ציהל צו האבן אן עלעקטריציטעט סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א גרונדשטיין פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און טראנסמישען פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 1.8 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער

פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 2,100 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכנענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן זעצן פאר צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418